opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראָשען

היינט 10 זייטען

# לאָדזשער פאָלקסבלאַט

№ 196 | Łódź, Poniedziałek 22 sierpnia 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאָדז, מאָנטאג, כ׳ מנחם אב תרצ״ב | № 196

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאַקציע און אדמיניסטראַציע: לאָדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# ווידער אנטי-יודישע עקסצעסן אין טוניס

## יודען שטעלען א העלדישען ווידערשטאנד

פאריז. 21 (יט״א טעלעגראפיש)

פון פערשידענע ערטער אין טוניס קומען אָן ידיעות וועגען א פרישע כוואַליע פון אנטי-יודישע עקסצעסן, וועלכע ווערען אָבער ענערגיש אונטערדריקט פון דער מאכט. די יודען האָבען געגרינדעט אַ זעלבסט-שוץ. פיל אראבער זענען ארעסטירט געוואָרען. ס׳זענען דאָ פיל פערוואונדעטע. די יודען טוען זיך העלדיש פערטיידיגען.

### ווידער צוזאמענשטויסען

צווישען יודישע ארבייטער אין א״י

ירושלים, 21 (יט״א טעלעגראפ׳ש)

אין דער קאָלאָניע הדר איז ווייטער געקומען צו צוזאמענשטויסען צווישען די הסתדרות׳ניקעס מיט הפועל המזרחי. 3 הסתדרות׳ניקעס זענען ארעסטירט געוואָרען.

### א שרפה מיט מענשליכע קרבנות

בערלין, 21 (ספ. טעל.)

אין גאָזשעליק איז אויסגעבראָכען א שרפה אין א רעסטאָראן.

די רעטונגס-אקציע איז געווען זעהר בעשווערט.

2 פייערלעשער זענען דערביי אומגעקומען, און נאָך 3 פייערלעשער און 2 ציוויל-פערזאָנען זענען פער׳סמ׳ט געוואָרען פון די גאזען.

### רעכטע פועלי-ציון און „התאחדות" פעראייניגט

דאנציג, 21 (יט״א טעלעגראַפיש)

נאָך לאנגע פערהאַנדלונגען, איז געקומען צו דער פעראייניגונג פון די רעכטע פועלי-ציון מיט „התאחדות". היינט וועט פאָרקומען די פעראייניגונגס-קאָנפערענץ פון ביידע פאַרטייען.

### נייע 223 סערטיפיקאטען

ירושלים, 21 (יט״א טעלעגראפיש)

די יודישע „אגענץ" האָט בעקומען 223 סערטיפיקאַטען.

### ריזיגער באמבען-אטענטאט אין כארבין

כארבין, 21 (ספ. טעל.)

אומבעקאנטע פערברעכער האָבען געוואָרפען אויף דעם היגען פליה-פעלד א סך באָמבעס, וועלכע האָבען רואיניר׳ט אנ׳ערך 100 הייזער.

לעת-עתה האָט מען ארויסגעשלעפט פון אונטער די חורבות 20 דער׳הרג׳עטע.

פאָליציי האָט ארעסטירט אַ געוויסען רוסישען עמיגראנט, ווי אויך א גרעסערע צאָהל קאָרעאנער, וועלכע מ׳איז חושד, אז זיי האָבען אנטייל גענומען אין אטענטאט.

**Dr. Wajnberg**

ספעציאליסט פון הארץ- און לונגען-קראנקהייטען

צינגעל-גאַס 11, טעל. 126-02

נעמט אָן פון 9–10 פריה, 3–4 און 8–9 אָווענד.

אין טיפען צער זענען מיר מודיע וועגען טויט פון אונזער אונפערגעסליכען

## נ. ע. יוסף זונדערעוויטש

(אפטייק-איגהאבער) איז עלטער פון 68 יאהר.

די לויה קומט פאָר היינט, מאָנטאָג, דעם 22-טען אויגוסט 1932, 2 א זייגער בייטאָג פון טהרה-הויז, וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע

פרוי, קינדער, אייניקלעך און פאַמיליע.

4988

## זאל פילהארמאניע

20 נארוטאָוויטש 20

דינסטאג, דעם 23-טען אויגוסט ה. י. 9 אווענד

גראנדיעזער יודישער פאלקס-קאנצערט



איינציגע פרוי אין דער וועלט אלס חזנ׳טע

# פאני רובינא

וועלכע האָט זיך בעריהמט געמאַכט אין ענגלאַנד, זיד-אַפריקע, פראַנקרייך און אין בעלגיען מיט איהרע חזנ׳ישע געזאַנגען, וועט צום ערשטען מאָל אין לאָדז אויספיהרען אַ גלענצענדען פראָגראַם, וואָס וועט בעשטעהן פון:

1) חזנ׳יש
ובניחה יאמר
אלוהי נשמה
קדשינו
חזנ׳ישע פאפורי

2) פאלקס-לידער
נייע קשיות
אברהם
לייבקע
דאס יודישע ליד
שמע ישראל

3) ראמאנסען
דאס ליד איז אויס.
שענק מיר נאט גליקעלע.
גרוסט מיין בעשערטע

מיט בעגלייטונג פון סימפאָנישען אָרקעסטער.

4) פאנטאזיע פון יודישע רעליגיעזע פאלקס-געזאנגען

אויסגעפיהרט דורכ׳ן

## לאדזער סימפאנישען ארקעסטער

אונטער דער ליטונג פון דיריגענט **הערץ רוביז.**

בילעטען שוין צו בעקומען אין דער קאַסע פון פילהאַרמאָניע.

